**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע צו אפצייכענען 200'סטע יארטאג פון די אריגינעלע פארענדיגונג פון די וואסער און פארגעזעצטע השפעה אויף ניו יארק**

***די קאמיסיע וואס איז ארויפגעברענגט געווארן אין די 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע וועט זיין פאראנטווארטליך פאר א רייכע לוח פון געשעענישן און אקטיוויטעטן דורכאויס די קומענדיגע צוויי יאר***

***פייערונג וועט קומען צו א הויכפונקט ביי 2025 אלוועלטליכע קאנאלן קאנפערענץ, אפגעהאלטן אין באפעלאו קומענדיגע יאר***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון די ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע (Erie Canal Bicentennial Commission) צו אפצייכענען די 200'סטע יארטאג פון די פארענדיגונג פון די אריגינעלע ערי קאנאל. צו ערשט ארויפגעברענגט אלס טייל פון די גאווערנער'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אין יאנואר, וועט די נייע קאמיסיע זיכער מאכן אז די ערי קאנאל'ס צוויי הונדערטסטע יארטאג ווערט געפייערט דורך קאמיוניטי געשעענישן, אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אין קאנאל אינפראסטרוקטור און דורכן דערציילן די פילפארביגע געשיכטעס פון די סטעיט'ס קשר מיט די היסטארישע וואסער. די ממשיות'דיגע אונטערנעמונגען וועלכע וועלן אונטערגענומען ווערן דורכאויס 2024 און 2025 וועלן ארייננברענגען די אטמאספערע און אנגרייטן די ערד פאר די קומענדיגע יאר הונדערט פון אפעראציעס און געלעגנהייטן לענגאויס די אייקאנישע ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם.

"די ערי קאנאל איז א צענטראלע טייל פון ניו יארק'ס געשיכטע, און אזוי ווי מיר צייכענען אפ די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די וויכטיגע וואסער, וועלן מיר באערהן די קאנאל'ס היסטאריע בשעת מיר קוקן ארויס צו איר לעבהאפטיגע צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלס א לעבנסלענגליכע ניו יארקערין און אייפערדיגע שיפלערין פון באפעלאו וואס איז געפארן אויף די טרעיל, פארשטיי איך די באדייט פון די וואסער אין אונזער סטעיט'ס היסטאריע און וואס דאס מיינט נישט נאר פאר די אידענטיטעט פון אזויפיל קאמיוניטיס אפסטעיט נאר אויך פאר זייער פרנסה."

די פייערונג וועט קומען צו די הויכפונקט מיט די 2025 אלוועלטליכע קאנאלן קאנפערענץ (World Canals Conference) אין באפעלאו, סעפטעמבער 21-25, און מיטן ארויסלאזן א שיף וואס Buffalo Maritime Center האט געבויט נאכגעמאכט נאך די "סענעקא טשיעף" איבערשפילנדיג גאווערנער דעוויט קלינטאן'ס ערשטע רייזע אין 1825 אריבער סטעיט גרעניצן לענגאויס די ערי קאנאל צו די ניו יארקע האפן.

אין די טעג און חודשים בעפאר די הויכפונקט געשעענישן אין באפעלאו אין 2025, וועט די קאמיסיע שטיצן קאמיוניטי געשעענישן, אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אין די קאנאל אינפראסטרוקטור און די

דערציילונג פון פילפארביגע געשיכטעס אין אנערקענונג פון די פייערונג'ס קעפל "אויפהייבנדיג מער שטימעס" (Raising More Voices). טייל פון די אקטיוויטעטן רעכענען אריין:

- **קאמיוניטי געשעענישן:** מערערע געשעענישן אריבער אפּסטעיט ניו יארק פינאנצירט דורך די ניו יארק סטעיט קאנאל קערפערשאפט און דורך דעם "ערי קאנאל נאציאנאלע העריטעדזש וועג" (Erie Canalway National Heritage Corridor) גרענט פראגראם.
- **קונסט און קולטור:** שותפות'ן מיט ניו יארק סטעיט ארקעסטראס מיט אויפשטייגנדע און פארשידנארטיגע קאמפאזירער און אפפערנדיג קאנצערטן און חינוך'דיגע פראגראם אויפן זייט פון די קאנאל.
- **אקאדעמישע אפהאנדלונגען:** בשותפות מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( State University of New York, SUNY) און די סטעיט דעפארטמענט, וועט די SUNY / ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג אפהאנדלונגען סעריע ( SUNY / Erie Canal Bicentennial Forum Series) אריינרעכענען א סקעדזשול פון עפנטליכע לעקציעס און פאנעל שמועסן דעקנדיג א רייע נושאים, און זיי וועלן אפגעהאלטן ווערן אויף SUNY קאמפוסן. די סעסיעס וועלן איבערגיין וויאזוי די קאנאל סיסטעם קען פונדאסנייי אויפגעלעבט ווערן און געבערענגט ווערן צו די מאקסימום אלס טרייב קראפט פון אפּסטעיט עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע אחריות.
- **צוויי הונדערטסטע יארטאג פעדערונג מאטעריאלן:** געשטיצט דורך פינאנצירונג פון דעם ערי קאנאל נאציאנאלע העריטעדזש וועג פראגראם און פון I LOVE NY, קענען קאמיוניטיס אריבער די קאנאל אפהאלטן לאקאלע פייערונגען און אדווערטייזן מיט איינהייטליכע געדאנקען, סאָושעל מידיע בילדער און ווידעאוס, אינפארמאציע בלעטער, שילדן און פארטיילונגען צו אויפבויען באגייסטערונג און א שוואונג ביז סעפטעמבער פון 2025.
- **באדייטפולע פראיעקטן פאר די צוקונפט:** באנייאונג צערעמאניע פאר גרויסארטיגע קאמיוניטי וואסער ברעג פארבעסערונגען און נייע אינוועסטירונגען אין אפהיטונג פראיעקטן און אין פארוויילונג טרעילס און איינריכטונגען.
- **עקאנאמישע אנטוויקלונג:** אינוועסטירונג אנאנסן פון די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט און קאנאל קערפערשאפט וועלן פארזיכערן אז די קאנאל בלייבט אן עקאנאמישע טרייב קראפט פאר אפּסטעיט קאמיוניטיס אזוי ווי עס גייט אריין אין איר דריטע יאר הונדערט פון אפעראציע.

די געשעענישן וועלן ארויסהייבן די קריטישע ראלע פון די קאנאל סיסטעם אלס א היסטארישעביישפיל פון ניו יארק'ס גייסט פון שעפערישקייט און איר היינטיגע ראלע אלס א טרייב קראפט פאר אפּסטעיט עקאנאמיעס און אלס אן עפנטליכע פארוויילונג פלאץ.

די קאמיסיע – וואס וועט זיין אונטער די וואלונטירנדע פארזיצער, דער פוירסט דזשענטעלמאן פון ניו יארק וויליאם דזש. האקול דזשוּניאר און ניו יארק סטעיט קאנאל קערפערשאפט דירעקטאר ברייען יו סטרעטאן – וועט זיין פאראנטווארטליך פאר די פלאנירונג, סקעדזשול און דורכפירונג פון א סעריע עפנטליכע באגעגענישן און אנדענק געשעענישן דורכאויס 2024 און 2025.

צוזאמען מיט די קאמיסיע פארזיצער וועלן זיך אנשליסן באעהרטע קאמיסיע מיטגלידער, אריינרעכענענדיג ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט וואלטער ט. מאסלי; האָופּ נייט, פרעזידענט, CEO און קאמישאנער פון עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט; און רענדי סימאנס, צייטווייליגער קאמישאנער פון די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג, ארבעטנדיג צו אנגרייטן די ערד פאר די קומענדיגע יאר הונדערט פון אפעראציעס און געלעגנהייטן לענגאויס די 524-מייל-לאנגע ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם.

**פוירסט דזשענטעלמאן און ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע פארזיצער, וויליאם דזש. האקול דזשוניאר, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די 200'סטע יארטאג פון די קאנאל'ס אפעראציע, קען איך נישט טראכטן פון א בעסערע גרופע צו שטיין אין שפיץ פון אונזערע באמיאונגען צו אונטערהייבן די פילפארביגע שטימעס פון וועלכע די מיטגעטיילטע היסטאריע פון אונזער קאנאל איז צוזאמגעשטעלט. אויפוואקסנדיג אין באפעלאו האבן איך צוגעזעהן ערשטהאנטיג די באדייט פון די קאנאל פאר מיין קאמיוניטי — נישט נאר פאר שיפלען און פארוויילונג, נאר אויך אלס א פעלזן-פעסטע טרייב קראפט פאר טוריזם און עקאנאמישע וואוקס. איך בין שטאלץ צו זיין פון די פארזיצער פון די קאמיסיע צוזאמען מיט טייל פון די קלוגסטע מוחות אין אונזער סטעיט, און איך קוק ארויס צו אלע געשעענישן און אפהאנדלונגען אין די צוקונפט."

**קאנאל קערפערשאפט דירעקטאר און ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע פארזיצער, ברייען יו. סטרעטאן, האט געזאגט,** "שטייענדיג אזוי נאענט צו די ערי קאנאל'ס 200'סטע יארטאג, זענען מיר באגייסטערט צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, דער פוירסט דזשענטעלמאן און אונזערע פארמישטע קערפערשאפטן און אגענטור שותפים צו אוועקשטעלן די ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע. די ערי קאנאל האט א ספעציעלע באדייט אין ניו יארק'ס היסטאריע, און מיר וועלן ארבעטן אויף א רייכע צוויי-יאריגע פלאן צו אפצייכענען די יארטאג און צו פייערן די קומענדיגע יאר הונדערט פון אפעראציעס און געלעגנהייטן לענגאויס די גאנצע קאנאל סיסטעם צו פארזיכערן א לעבהאפטיגע און מער אריינגעמיגע צוקונפט. די צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע וועט אנערקענט די היסטארישע וואסער און איר אנגייענדע השפעה אויף אפסטעיט קאמיוניטיס דורך קאמיוניטי געשעענישן, אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אין קאנאל אינפראסטרוקטור און דורכן דערציילן די פילפארביגע געשיכטעס וואס באשרייבן ניו יארק'ס און די לאנד'ס טיפע קשר מיט די היסטארישע וואסער."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט וואלטער ט. מאסלי האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די צוויי הונדערטסטע יארטאג, איז קיינמאל נישט געווען קיין בעסער צייט צו פאראויס שטופן די ערי קאנאל'ס באדייטפולע השפעה אויף עקאנאמישע וואוקס און רעדן איבער איר לעגענדארע היסטאריע מיט אן אפענע אויג צו ארויסהייבן אלע פילפארביגע שטימעס וואס האבן עס אויסגעפארעמט. איך בין שטאלץ צו האבן אויסדערוועהלט געווארן אלס טייל פון די קאמיסיע, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פארגעזעצטע פירערשאפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "די ערי קאנאל האט געהאלפן אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט אלס א גלאבאלע צענטער פאר האנדל, און איר השפעה זעצט פאר סיי אין טוריזם און סיי אין האנדל. די צוויי הונדערטסטע יארטאג איז א באגייסטערנדע געלעגנהייט צו ארויסהייבן אלע וועגן וואס מענטשן קענען נוצן, אנדעקן און האבן די איבערלעבעניש פון די ערי קאנאל היינט, און עס איז די בעסטע צייט פאר איינוואוינער און באזיכער צו פלאנירן די אויספלוג צו באקומען די ערשטהאנטיגע ערפארונג פון די געוואלדיגע היסטאריע און די קאמיוניטיס אויפן זייט פון די קאנאל."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די קאנאל קערפערשאפט איז געווארן אן אגענטור אינערהאלב די ניו יארק פאווער אויטאריטעט אין 2017, די זעלבע יאר וואס האט אפגעצייכנט די 200'סטע יארטאג פון די אנהויב פון קאנסטרוקציע פון די ערי קאנאל. מיר זענען שטאלץ אז דורכאויס די צייט אפשניט פון צוויי הונדערטסטע יארטאג האבן מיר געקענט פארוואלטן אויף די היסטארישע וואסער דורך אינוועסטירונגען צו זיכער מאכן אז די קאנאל ווערט אויפגעלעבט פאר פילע יארן אין די צוקונפט. צוזאמען מיט גאווערנער האקול און אונזערע שוועסטער אגענטורן וואס באטייליגן זיך אין צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע, האבן מיר די

געלעגנהייט צוריקצוקוקן אויף אלעס וואס די ערי קאנאל האט באדייטעט פאר ניו יארק סטעיט און צו ארויסקוקן אויף אלעס וואס די קאנאל האט צו אפפערן פאר צוקונפטיגע דורות."

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט,** "די ערי קאנאל'ס היסטאריע באשטייט פון א אנגעהויפנטע זאמלונג פון געשיכטעס, איבערלעבענישן און קוק ווינקלען. מיט די אוועקשטעלונג פון די קאמיסיע דורך גאווערנער האקול, קענען מיר צוזאמברענגען אלע די פארשידענע קוק ווינקלען צו אוועקשטעלן א טיפע פארשטאנד פון די קאנאל'ס 200-יאריגע היסטאריע און די פאטענציאל וואס עס האט צו וואקסן אין די צוקונפטיגע יארן. איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זיין א טייל פון די שמועס, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו זיין א קעמפערין פאר ניו יארק'ס טייערסטע פארוויילונג האפנס."

צו הערן די נייעסן איבער די ערי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע אקטיוויטעטן און געשעענישן, באזוכט ביטע www.canals.ny.gov.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן